בס"ד

# ג' תשרי תקנ"ג

# יארצייט פון רבצין דבורה לאה

## דער קבר פון רביצין דבורה לאה



- איינע פון די אלטע ליובאוויטשע ניגונים הייסט "ניגון השתטתחות". דעם ניגון פלעגט דער צמח צדק זינגען ווען ער איז משטתח געווען ביי די קבר פון זיין מוטער, רביצין דבורה לאה.
- ווען דער אלטער רבי איז געווען אין תפיסה, פלעגן א מנין פון חסידים גיין צו איר קבר יעדן טאג און זאגן דארטן דעם גאנצן תהלים.

**מישין: גיי צו shluchimkids.org און דריקט אויף דעם לינק צו הערן דעם ניגון השטתחות. הערט צו א פאר מאל אז איר זאלט קענען דעם ניגון, און דערנאך זינגט אויך!**

## דער רבי זאגט:



מיר קענען לערנען א הוראה פון דעם סיפור פון רביצין דבורה לאה. פונקט אזוי ווי זי האט געהאט מסירת נפש פאר חסידות, דארפן מער אויכטע האבן מסירות נפש צו לערנען און פארשפרייטן חסידות.

קען מען פרעגן: רביצין דבורה לאה איז געווען א טאכטער פון א רבי, זי איז זיכער געווען א צדקת! איך בין א געוויינלעכער קינד, ווי קען איך זיין אזוי ווי איר?

א גוטע שאלה. איז הערט א גוטע ענטפער: ערשנס, מ' מאנט נישט פון אונז צו שטארבן פאר ממש, נאר אז מיר זאלן זיין גרייט צו טאן וואס מ'דארף צו פארשפרייטן חסידות. נאכמער, רביצין דבורה לאה גיט יעדער פון אונז די כח צו האבן מסירת נפש, איז זיכער איז עס מעגלעך! איר ווייסט וואס נאך? רביצין דבורה לאה גיט כח צו דער רבי אליין צו פארשפרייטן חסידות!!

**קומט קינדער, לאמיר גיין!** היינט וועלן מיר גיין באזוכן ליאזנא אין די טעג פון אלטער רבי. אין ליאזנא הערשט א ערנסטע שטימונג. דער אלטער רבי גייט אריין אין זיין צימער און קומט נישט ארויס פאר לאנגע ווייל עס, און ער לאזט קיינעם נישט אריין. עס איז קלאר אז עפעס שרעקלעך פאסירט, אבער קיינער ווייס נישט וואס.

איין טאג דער אלטער רבי רופט זיין טאעטער, רביצין דבורה לאה, אריין אין צימער און זאגט איר אזוי: עס נעמט 30 יאר ביז א פרוכט בוים קען געבן פרוכט. די בוים פון חסידות איז שוין געוואקסן 30 יאר, און עס איז גרייט צו געבן פרועט. נאר ס'פאראן א שרעקלעכע קטרוג וואס וועט חרוב מאכן די אלע ארבעט וואס דער מגיד און בעל שם טוב האבן געטאן. איך וויל לעבן, ווייל אזוי שטייט אין תורה. אבער מער פון דעם איך וויל באארבעטן דעם בוים, אז עס זאל קענען געבן פרוכט ביז משיח וועט קומען! מיין רבי, דער מגיד, האט מער געזאגט אז ס'ווילן זיין שווערע און ביטערע צייטן, און ער האט מער מבטחי געווען אז ווען ס'וועט קומען די צייט ער וועט מיר העלפן. איך האב לעצטנס געזען דער מגיד און דער בעל שם טוב און זייער פנים'ער זיינען געווען שווארץ. דאס איז א סימן אז זייער תורה (חסידות) איז אין א גרויסע סכנה. און אז..."

רביצין דבורה לאה האט פארשטאנען אז איר פאטער'ס לעבן איז אויך אין סכנה. האט זי באשלאסן אז זי וועט נפטר ווערן אנשטאט איר פאטער. זי האט גערופן דריי פון די גרעסטע חסידים און האט זיי משביע געווען אז זיי וועלן טאן אלץ וואס זי הייסט.




זי זיינען געווארן א בית דין און האבן געמאכט א פסק דין אז די יונגע פרוי, רביצין דבורה לאה וועט נפטר ווערן בכדי אז דער אלטער רבי זאל קענען ווייטער פארשפרייטן און פארשטארקן תורת החסידות.

און אזוי איז טאקע געווען.

די צווייטען טאג ראש השנה איז רביצין דבורה לאה געווארן קראנק, און ג' תשרי איר נשמה איז צוריק אין הימל.

פאר זי איז נפטר געווארן האט זי געבעטן בייאיר טאט'ן, דעם אלטער רבי'ן, אז ער זאל מחנך זיין איר דריי-יעריגע אינגל, דער צמח צדק.

# ג׳ תשרי



”די בוים פון חסידות איז שוין געוואקסן 30 יאר, און עס איז גרייט צו
געבן פרועט. נאר ס׳פאראן א שרעקלעכע קטרוג וואס וועט חרוב מאכן די
אלע ארבעט וואס דער מגיד און בעל שם טוב האבן געטאן.“